# תימוד פרקי אבות

[והתעוררות בענין לבישת פאה נכרית]

ש"ק פרשת אמור שנת תשס"ד לפ"ק

מכ"ק רבינו הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

נרשם ע"פ השמיעה ע"י מערכת נחלי בינה
סערדאהעלי - ברוקלין יצ"ו

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

## פרקי אבות פרשת אמור שנת תשס"ד לפ"ק

אונז האלט מיר ביי די משנה רבי ינאי אומר אין בידינו לא משלות הרשעים ואף לא מיסורי הצדיקים, כאטש אונזער סדר איז בדרך בלל צו לערנען די משנה מיט די פירוש הפשוט פון די קדמונים רש"י רמב"ם רבינו יונה און ברטנורא וואס זענען אויפן זעלבן גאנג, און נאכדעם פון אנדערע מפורשים וואס זענען מרמז אין דיא משנה און וואס דער אויבירשטער איז אונז חונן בעזהשי"ת.

באמת האב איך זיך צוגעגרייט א גאנצער שיעור אין ענין פון דיא משנה בענין צדיק ורע לו רשע וטוב לו, אבער היינט האב איך זיך איבערגעקלערט אפשר איז בעסער צו רעדן יעצט א זאך וואס איז נוגע אויף יעצט, און צי באווארענען ס'זאל נישט ארויסקומען א פרישער מכשול, ווי אויך א געוויסע נקודה וואס איז בבחינת ללמד על הכלל כולו יצא.

קען אפשר זיין פשט אין דיא משנה, אזוי ווי מיר געפונען אין די גמרא יומא עב: אז רבא האט געזאגט פאר זיינע תלמידים במטותא מינייכו לא תירתון תרתי גיהנום, איך בעט ענק איר זאלט נישט האבן צוויי גיהנום'ס, ווייל אויף דער וועלט לערנט איר דאך און איהר זענט נישט נהנה פון עולם הזה, און אויב איהר וועט נישט מקיים זיין וואס איהר לערנט וועט איהר נאכן שטארבן ווייטער באקומען גיהנום, אזוי טייטשט רש"י, מיר ווייסן אז עשו און יעקב האבן זיך צוטיילט בנחלת שני עולמות, עשו האט גענומען עולם הזה און יעקב עולם הבא, און באמת איז עניני עולם הזה א שלוה פאר רשעים גוים וואס טוען אלע זייערע תאוות, און עס איז יסודים פאר צדיקים וואס דארפען זיך צוריק האלטען פון די נסיונות וואס איז דא אויף יעדן טריט און שריט, צו ביים עסן כשרות אד"ג צו ביי די פרנסה עס זאל זיין ריין פון גניבה אונאה רבית, אבער ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך עס צאלט זיך אוים די יסורים, במה דברים אמורים אז מען פיהרט אוים דיא מצוות פון דיא תורה הקדושה בשלימות ווי עס דארף צו זיין, אויב חס

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

ושלום נישט האט מען זיך געפלאגט אויף דער וועלט און הערשט האט מען נאך גיהנום אויף יענער וועלט, דאס איז דיא משנה אונז מעורר, אין בידינו משלות הרשעים מיר זענען נישט נהנה פון עולם הזה אזוי ווי רשעים, אבער ליידער פיהר מיר זיך נישט גוט אויף, איז אונזער יסורים אויף דער וועלט נישט ווי דיא יסורים פון צדיקים וואס כאטש ווען זיי קומען אויף יענער וועלט גייען זיי תיכף אריין אין לעכטיגן גן עדן.

עס איז לעצטנס געווארן א התעוררות ביי רבנים וועגן שייטלען, מיר האבן שוין אויך גערדרשנט דערפון דעם שבת הגדול כאטש איך האב נישט געוואוסט אז עס איז דא אזא רעדע בכלל, וואס יעדער איינער ווייסט אז באמת איז דאס שוין אן אלטע איסור און רוב רבנים פון פריער האבן עס גע'אסר'ט, עכ"פ אונזערע רבנים, און ווער עס קוקט נאר אריין אין שלחן ערוך זעהט דעם איסור מפורש, און די אלע גדולי הפוסקים דער חת"ם סופר און דער דברי חיים און ישועות יעקב וכו' כולם כאחד האבן עס גע'אסר'ט, און דער כעלוזער רב ז"ל האט געזאגט זייער א שארף ווארט אז אלע גדולים וואס האבן געלערנט תורה מיט יראת שמים האבן עס געאסרט, (ער האט נישט געמיינט שולל צו זיין די מיעוט אמת'ע גדולים וואס האבן עס מתיר געווען נאר די וואס האבן זיך געוואלט אריינטון און זיך ארויפכאפן אויפן וואגן), מען קען געבן א סימן דערויף שייט"ל איז בגימטריא שט"ן.

אבער פון דעם וועלן מיר יעצט נישט רעדן, איך זאג עס נאר אז מען זאל וויסן אז די גאנצער שייטל איז א נייער אויפפאסונג און א שינוי מדרכי אמותינו הקודמות, און קיינער פארצייטנס פלעגט נישט אזוי גיין, ובפרט אלע אונזערע רבים, וכל שכן די אלע תלמידי בעש"ט הקדוש דער נועם אלימלך און עבודת ישראל וכו' אין גם אחד וואס זייער רעכעצין איז געגאנגען אין א שייטל און נישט זייערע חסידים, און עס איז בכלל נישט געווען די סדר צו גיין אזוי, ווי עס שטייט קלאר אין תשובות דברי חיים אז ער האט אלס יונגערמאן געגעסן קעסט אין לייפניק אין דייטשלאנד, וואס

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

כידוע איז דאס געווען די אויסגעלאסענסטע מאדערנסטע מדינה, שרייבט ער דארט אז מען האט כמעט נישט געזעהן אויף די גאס אז איינער זאל גיין אין א שייטל לבד מאיזה קלי הדעת, וולתן האט זיך קיינער נישט געוואגט צו גיין אין א שייטל, און אפילו מען וואלט נישט אנגענומען להלכה ווי דער דברי חיים איז דאך זיכער אז ער איז נאמן אז דער מציאות איז אזוי געווען, ווי לעכערלעך איז אז ביי אסאך איז עס גאר ווי א גאנצע איסור אפצוטרעטן פון א מסורה צו גיין מיט א שייטל, מען טאר נישט זיין פרומער פון די באבעס און דע רעבעצין און יענע רעבעצין כאילו דאס איז אן אלט פארצייטישע מנהג און מנהג ישראל תורה היא, אבער נישט דאס איז אונזער ציל יעצט, פאקטיש איז עס ליידער אזוי געווארן די מצב היינט צוליב סיבות אז רובא דרובא פון היינט גייען יא מיטן שייטל וואס מען קען נישט צוריק דרייען, און דאס איז איינס פון די ווייען פון גלות אמעריקא, קודם איז געווען א גרויסע ירידה דורך די ערשטע וועלט מלחמה, און נאכדעם איז נוסף געווארען שבר על שבר די צווייטע וועלט מלחמה וואס נאכדעם האט מען זיך קודם געדארפט צוזאמקלויבן און מחזק זיין דיא אמונה, און האבן מסירות נפש אויף שמירת שבת נישט מחלל צו זיין, וכשרות ושאר יסודי היהדות, און דער ענין איז ליידער געווארן פארנאכלעסיגט, עכ"פ מאיזה סיבה שיהיה גייט היינט כמעט די גאנצע וועלט אזוי לבד מיחידי סגולה, און עס איז שוין היינט שווער צו טושן די מצב עד יערה ד' עלינו רוח טהרה ממרום.

אבער מען דארף וויסן אז דאס וואס די גדולים נאך דיא מלחמה האבן עס נישט געאסרט איז נישט ווייל מען האט געהאלטן אז דאס איז יעצט מותר, און מען קען נישט ברענגען קיין ראיה פון דעם וואס דער סאטמארער רב זי"ע האט נישט גערעדט אזוי דאהי דערפון, ווייל דאס איז געווען מטעם וואס מיר האבן דערמאנט אז עס איז נישט געווען דער זמן מוכשר דערצו, מען האט קודם געדארפט לוחם זיין אויף יודישקייט און אויפשטעלן מוסדות וכדומה, און ס'איז נישט געווען מיט וועם צום טיש צו גיין אין דער ענין, והא ראיה אז אין די תקנות פון קהל פון זיין בית המדרש

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

אין סאטמאר פאר דיא קרוג, קען מען זען שווארץ אויף ווייס אז איינער וואס איז געגאנגען א שייטל האט נישט געקענט זיין א מיטגליד אין קהל, און ס'איז מפורסם אז ער פלעגט זאגן אינדערהיים צוויי דרשות, ביי זיך אין בית המדרש האט ער שטארק גערעדט קעגן שייטלעך, אבער ווען ער האט געזאגט דיא דרשה אין דיא גרויסע שוהל פון שטאט האט ער זיך געבעטן מען זאל אנטוען שייטלעך לפי המצב, און כל שכן אז דאהי נאכן קרוג איז געווען שווער דער מצב.

איך בין אליינס א עד, אז דער אונטערשטער יאר וואס דער רבי איז געווען געזונט אין יאר תשכ"ח, וואס זיין סדר איז געווען אז יעדע ווינטער פלעגט ער פארן אויף פלארידע אפצורוען גופו הטהור, און ער פלעגט אהיימקומען געווענטליך צו שבת פרשת משפטים צום יארצייט פון זיין טאטן דער קדושת יו"ט זצ"ל, און יענעם יאר איז ער אהיימגעקומען דינסטיג פרשת משפטים און די יארצייט איז אויסגעפאלן שבת, און דעמאלס איז פונקט אויך געווען אין פלארידע א יוד וואס א גרויס חלק פונעם ציבור קען אים מסתם ער הייסט ר' יצחק לעווי ער איז א ערליכער יוד א תלמיד חכם און א מקורב צום רבי'ן, ער איז דעמאלס געווען א ביזנעססמאן האט ער שוין געדארפט מאנטיג צוריקקומען אין ארבעט, איז ער געקומען זינטיג זיך צו געזעגענען פונעם רבי'ן ז"ע, האט דער רבי זיך אנגערופן צו אים: איציק עס איז געקומען די צייט וואס אי"ה נאך איך וועל אהיימקומען וועל איך זיך נעמען איבער די שייטלען, עס איז ביז יעצט נישט געווען לפי המצב דער זמן מוכשר דערצו, אבער יעצט פילט ער אז ער האט שוין אויפגעשטעלט א נייער דור וואס זענען סרים למשמעתו און ער האט שוין אייגענע תלמידים וואס מען קען טון דערוועגן, איך געדענק דעמאלס זעמער געווען אין כולל וואס איז דעמאלס געווען אויף יוז סטריט אין ר' ישראל זופניק'ס הויז, (איך געדענק נישט פונקטליך אויב עס איז געווען זונטיג נאכמיטאג אדער מאנטיג נאכמיטאג) איז דער ר' יצחק לעווי ארויף געקומען אין כולל און געזאגט אז מען זאל זיך רישען אויף גרויסע זאכן ווען דער רבי קומט אהיים וויל ער גייט

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

טוען אין דעם ענין און מ'ווייסט אז צו וואס דער רבי האט זיך גענומען איז ער געגאנגן עד הסוף און ער האט אויסגעפירט, אזוי האט ער דערציילט פאר אונז אין כולל מסיח לפי תומו, אבער ליידער איז לא אסתייעא מילתא ווייל יענער פרייטיג צונאכטס איז ער צוזאמגעפאלן און ער איז געווארן נישט געזונט, עכ"פ זאל זיך קיינער נישט איינרעדן אז וויבאלד ער האט נישט גערעדט דערפון האט ער געהאלטן אז דאס איז מותר.

מען דארף אבער וויסן אז עס איז דא דריי מדריגות אינעם איסור פונעם שייטל, די ערשטע איז פשוט וואס פוסקים לערנען אז פונקט ווי מען טאר נישט גיין מיט די אייגענע האר מן התורה וואס דאס ווערט ארויסגעלערנט פון ופרע את ראש האשה אז מען טאר נישט גיין מיט די אייגענע האר אויפגעדעקט, איז נישט קיין חילוק אויב מען גייט מיט אייגענע האר אדער מיט יענעמס האר ס'איז דער זעלבער איסור פונקט ווי די אייגענע האר, די צווייטע דרגא איז דא פוסקים וואס לערנען אז אפילו מען זאל זאגן אז דיא תורה האט נישט גע'אסר'ט נאר אייגענע האר נישט פרעמדע, אף על פי כן איז עס אסור אזוי ווי די רבנן האבן גע'אסר'ט ביי אסאך זאכען אלם מראית עין ווייל עס זעט אוים ווי די אייגענע האר, מען קען נישט דערקענען א חילוק צו זי איז א פנויה אדער א נשואה, עס איז זייער שווער צו דערקענען א חילוק צווישן די שייטל און אייגענע האר אויסער אפאר מבינים וואס קענען דערקענען ווען מען שטייט נאנט, און ווער רעדט נאך פון די קאסטום שייטלעך וואכ. איז זיכער אוממעגליך צו דערקענען א חילוק, די דריטע פראבלעם איז מכח דער איסור פון פריצות צו גיין אזוי אויף די גאס עס איז די היפך פון צניעות, און אויף דעם דארף מען נישט קיין ראיות פונקט ווי יעדער פארשטייט אז צו גיין מיט שמאלע און קורצע און צוגעפאסטע קליידער איז אסור צו גיין אפילו עס שטייט נישט ארוים אין די תורה, כל שכן ביי דעם קאפ וואס דאס איז דער עיקר אויסזען פון א מענטש, ובפרט אין טייערע (פענצי) שייטלעך, ומכל שכן דיא וואס

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

זענען געמאכט אויף א פרעכע וועג לאנג אדער צו צולאזן און דעם גלייכען יעדער אופן וואס טוט צוציען דיא אויג.

און צו דיא אלע אויבנדערמאנטע פראבלעמען איז בזמנינו בעונותינו הרבים נאך צוגעקומען די איסור פון תקרובת עבודה זרה, וואס דאס איז באמת נישט קיין פרישע געשעעניש עס איז שוין אלט אסאך יאהרן, און מיר אליין האבן שוין צענדליגער מאל גערעדט דערפון, אבער זאכן וואס מען וויל נישט הערן הערט מען נישט, פון ווי קומען די אלע האר, מענטשן זענען דען משוגע זיך אפצושערן פאר א פאהר דאללער, און ווי קלויבט מען צוזאם אזעלכע מענטשן, איך האב אליין גערעדט אסאך יאהרן צוריק מיט די צוויי גרעסטע סוחרים פון דאהי פון דעם שיטל, און זיי האבן אליינס מעיד געווען אז דאס קומט פון אינדיע (אדער על כל פנים מען קען נישט וויסען קלאהר פון ווי) וואס דארט שערן זיך אפ יערליך הונדערטער טויזענטער גוים די האר לשם תקרובת עבודה זרה, א טייל ווילן זאגן אז זייערס קומט פון יוראפ פון רוסלאנד און אנדערע נארישע תירוצים, און אפילו אז דער סוחר ברענגט עס טאקע פון אן אנדער פלאץ אבער די מקור די אבי אבות הטומאה איז פון אינדיע וואס ווערט עקספארטירט פון דארט אויף דיא גאנצע וועלט, וואס דאס איז אסור בהנאה בהחלט, און דאס האט נישט קיין ביטול אפילו באלף, און אפילו מען וועט נאר אריינמישן א קליינע פראצענט פון די האר אינעם שייטל איז דאס אויך פונקט אזוי אסור.

אויסער דעם איז דא א קליינער פראצענט וואס מען נעמט פון מתים (וואס זיי דארפן דאס שוין נישט), מען שערט זיי אפ און מען מאכט זיי שיין און מען זעצט זיי אוועק אפאר טעג ביז מען קומט זיך געזעגענען פון זיי, און פון דיא פלעצער קומט דאס וואס דאס איז שער פון מתים וואס איז אויך אסור בהנאה אפילו פון א גוי.

דער טבע פון א מענטש איז אז ווען מען רעדט פון איין זאך ווערט צוביסלעך פארגעסן די אלטע, וואס יעצט האבן זיך די רבנים גענומען מברר

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

זיין עד היכן מגיע דער חלק האיסור של עבודה זרה פון שייטל, און עס האנדלט זיך יעצט אינמיטן דן זיין דערויף, עס איז נישט קיין נפקא מינה וואס עס וועט זיך אויסקאכן מיט דעם, וואס אפילו אלע רבנים וועלן חס ושלום פה אחד זאגן אז עס הייסט נישט קיין עבודה זרה און מען וועט עפעס טרעפן א היתר, אבער אף על פי כן טאר מען נישט פארגעסן פון די אנדערע איסורים, און וואס אויף דעם האב איך מורא, אז טאמער חס ושלום א טייל רבנים וועלן עס מתיר זיין קען מען נאך אינגאנצן פארגעסן פון א איסור צו זאגן, (איך בין שטארק מסופק צו א רב וואס זיין בני בית גייט מיט אזא שייטל איז קאמפיטענט על פי הלכה צו זאגן א דיעה אין דיא שאלה, ווי דיא גמרא זאגט כל תלמיד חכם שמורה הלכה ובא אם קודם מעשה אמרה שומעין לו ואם לאו אין שומעין לו, און אזוי איז גע'פסק'נט אין שלחן ערוך יורה דעה סוף סימן רמ"ב, און דאס זעלבע דיא תלמידי חכמים וואס האבן נישט געהאט דיא אויסגעהאלטנקייט און דרייסטקייט צו זאגן זייער בני בית אויסצוטון צייטווייליג דיא שייטלעך תיכף ווען ס'איז נולד געווארן דער חשש ביי זיי ביז זיי זענען צוגעקומען צום היתר), און אפילו נניח עס וועט טאקע זיין מותר לפי האופן פון די עבו"ז (וואס באמת קען מען נישט בשום אופן דאס פעסטשטעלן בבירור צוליב כמה טעמים), אבער לאמיר זאגן עס וועט אראפקומען א פיתקא מן שמיא אז דאס איז נישט קיין תקרובת עבו"ז, איז עס אויך זייער עקלהאפט פאר א יודיש טאכטער צו טראגן אזוינס אויפן קאפ, און אויב מען וועט זאגן אז דיא און דיא שייטלעך זענען נישט פון יענע האר (וואס איז א גרויסער ספק צו דאס איז אמת) אף על פי כן קען מען נאך אלס נישט וויסן וואס וועט זיין מארגען ווייל די זאכן האלטן זיך אין איין טוישן פון טאג צו טאג.

מען דארף וויסן אז עס איז דא דריי ערליי שייטלן, (איך מוז דערמאנען די אלע שמות הנרדפים כדי מען זאל פארשטיין), איינס איז קאסטום שייטל, און נאכדעם איז די יומען העיר גענצליך אדער טיילוויז (בלענדע"ד) וואס קוקן אוים ווי אייגענע האר, וואס די זענען זיכער אסור

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

בתכלית האיסור, אויסער די אנדערע מכשולים וואס קומען לוידער ארוים דערפון הרהורים און הסתכלות, וואס אויף אלעם איז זי עתידה ליתן את הדין אויף די אלע הרהורים וואס זי האט צוגעברענגט מיט איר ארויסגיין אויפן גאס מיט אזא שייטל אלעם איז אויף איר חשבון, און נאכדעם קומט די הונדערט פראצענטיגע סינטעטישע שייטלען וואס על פי רוב האט דאס עכ"פ נישט די צוגעקומענע איסורים, וואס אויף די צוגעקומענע איז נישטא קיין מתירים.

און באמת וואלט געווען א גוטע זאך אז מען וואלט ווען געקענט ארויסגעבן א הכשר אויף די שייטלען וואס האבין נישט קיין מענטשליכע האר און זענען נישט אויפפאלענד, וואס דיא זענען על כל פנים נישט אסור לויט יעדעם, (אויך ווען אודאי זיין אזעלכע וואס וועלן געבען א הכשר אז עס איז נישט אינדיאנער האר), נאר עס איז אביסל מאדנע געבען א הכשר אויף א זאך וואס איז שוין לאנג אסור לויט רוב גדולים, עס איז דא געדריקט א תשובה אין אגרות משה וואס א רב פרעגט אים אן אין די ערשטערע יארן אין אמעריקא, אז אין מאנהעטן איז דא א רעסטאראנט וואס איז מאכיל דעם עולם דארט נבלות וטריפות און כשר בחלב, איז געווען איינער וואס האט אויפגעקלערט דעם אייגנטומער אז ער וועט מאכן מער ביזנעס אויב ער וועט געבן כשר'ס, און ער האט געפועלט ביים בעה"ב אויף צו געבן כשר פלייש, און ער האט גערופן דעם רב ער זאל געבן א הכשר אויף דעם פלייש און ארויפשרייבן דערויף חלק כשר גלאט כשר, און אזוי וועט ער האבן מער קונדן, אבער אויף דעם נישט צו פרעגלען די פלייש אדער אריינמישן אין דעם פלייש מילעך אויף דעם קען ער בשום אופן נישט אויפגעבן ווייל דאס איז די גאנצע הצלחה פון זיין געשעפט, עכ"פ פרעגט ער אן דעם אגרות משה אויב מען מעג געבן אזוי א השגחה אדער נישט, לערך דעם זעלבן פנים טראגן מיר היינט ווען מען וועט געבן א הכשר אויף איין פרט פונעם איסור פון די שייטלען.

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

אבער ווי דערמאנט איז עס לא ללמד על עצמו בלבד יצא אלא ללמד על הכלל בולו יצא, פון דעם קומט ארויס א כלליות'דיגע טענה אויף אונז, מען רעדט דאך דא צו חשובע יודען חסידים ואנשי מעשה, ווי נעמט זיך אזא מין קרירות צו א דבר שבקדושה אזוי ווי ס'איז דא ביי אונז, פארוואס ווען מען האט געהערט אז עס איז דא א גרויסע שאלה אויף די שייטלען וואס אין ארץ ישראל איז שוין דאס אסאך וואס האבין דאס גע'אסר'ט אויף זיך בהחלט און דא איז עס תלוי ועומד, פארוואס האט מען נישט תיכף קודם אויסגעטון די שייטל ביז מען איז מברר דעם איסור, פון ווי נעמט זיך אזא שטארק הארץ אזא מין קאלטקייט צו עבודת השם, פארוואס אין אזא גרויסע שטאט ווי ברוקלין וואס וואוינען טויזענטער ערליכע יודישע משפחות האט מען נישט געהערט אז עס זאלן זיך צוזאמנעמען עכ"פ צען נשים, וואס האבן קודם אויסגעטאן די שייטל אויף דערווייל, וועט דען די וועלט אונטערגיין אז מען וועט גיין אין א טיכל א טאג צוויי, און לא חלי ולא מרגיש, מען הערט עס טוט זיך עפעס וועגן דעם דערווייל גייט מען וויאזוי מען גייט, און ביז ווילאנג עס שטייט נישט אין די עשרת הדברות אז עס איז אסור אזוי לאנג וועט מען נישט טוישן[א].

דער איינציגער לימוד זכות וואס איך האב איז, אז וויבאלד עס קומען דאך ארוים כסדר נייע חששות אויף זאכן, כמעט יעדעם יאר ווערט נתחדש עפעם א חשש אויף אן אנדערע זאך און א טייל גאר ערנסטע חששות, שטעלט מען דאס אויף די חזקה אז אזוי ווי די אלע זאכן איז קיין איין זאך נישט געבליבן ביים איסור, [א חוץ איין זאך וואס איז מותר און גאר א מצוה וואס א טייל האבען זיך צאמגענומען פון איין עק צום צווייטן צו אסר'ן], וועט דאס אויך נישט בלייבן אסור, עס איז נאכנישט געוועז קיין איין זאך וואס מען איז ארויפגעקומען אויף א חשש אויף א געוויסע ענין און מען

---

[א] הגה מהרב שליט״א:
ב״ה שכבר נשמע שהסירו עשרות נשים צדקניות פיאות אלו מעל ראשן לעולם ואשרי חלקן.

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

זאל עס אסר'ן און בלייבן אסור, אלם איז עס געבליבן ביי דעם אז היינט איז שוין נישט דער חשש און ביי אונז איז נישט דא דער חשש און ס'איז נישט אזוי געפערליך דער חשש מען קען זיך פארלאזן אויף דעם און אויף יענעם וכדומה, ווייל היינט איז א וועלט וואס מען זוכט התרים אויף אלעם, די דיינים אליינם האבן מורא צו פסק'ענען אויף א זאך אז עס איז אסור, אפשר וועט מען נישט הארכען וועט דאך דאס שאטן צו יודישקייט וכו', ווענען דעם זוכט מען אפיהר און מען פארלאזט זיך לפי המצב אויף א שיטה יחידאה, ביי דעם פארלאזט מען זיך אויף ר' אברהם מן ההר און ביי דעם אויף ר' ישראל מנרבונא וכדומה, אבער מען וואלט על כל פנים געדארפט דאס מפרסם זיין אז עס איז לפי שיטה אחת און א בעל נפש זאל מחמיר זיין וכדומה.

דער קלויזענבורגער רב ז"ל האט מיר אמאהל געזאגט אז ער האט נישט קיין טענות אויף די רבנים וואס געבן הכשרים אויף פראדוקטן וואס זענען אביסל מפוקפק, נאר מען פארלאזט זיך צוליב הפסד מרובה אדער אנדערע טעמים אויף א שיטה יחידאה צב"ש אויפן חוות דעת וואס איז עס מתיר, נאר דיא טענה איז פארוואס ער שרייבט אויפן פראדוקט אז דאס איז כשר למהדרין מן המהדרין, פארוואס שרייבט ער נישט אויפן זיגל אז באמת לויטן פרי מגדים מיטן חתם סופר און אנדערע איז עס נבלות וטריפות און אסור בתכלית האיסור, נאר איך פארלאז זיך אויפן חוות דעת וואס איז עס מתיר, ווען מען שרייבט ווען אזוי וואלט יעדער געזעהן את אשר לפניו.

עס זענען פארהאן אסאך נשים וואס וואלטן שוין איינגעגעבן און געטוישט די לבוש פונעם קאפ, לולא וואס דער מאן איז דערקעגן מחמת סיבות שונות, און אסאך האלטן זיך צוריק ווייל די עלטערן וועלן זיין דערקעגן, אסאך מאמעס און שוויגערס ווילן נישט די קינדער זאלן גיין פרומער ווי זיי, ווייל זיי האבן מורא אז מיט דעם ווייזט מען אז זי טוט נישט גוט, שוטה שבעולם, געננג אז דו פיהרסט זיך ווי דיא פיהרסט זיך ועבר ושנה

נעשה לו כהיתר, פריי זיך אז דיא האסט געבוירן אזא טאכטער וואס וויל גיין ערליך, פריי זיך אז דיא האסט באקומען א ערליכע שניר וואס וויל זיך אנטאן ווי עס דארף צו זיין, ניין, זי זאל אויך גיין אזוי ווי איך שלא תהא היא בגיהנום וזרעה בגן עדן, דאנק דעם אויבערשטן זי וויל נישט גיין וויניגער פון דיר, דאס פארשטייט זי אז וויניגער פון איר איז זיכער נישט גוט, אבער פרומער פון איר דאס טויג אויך נישט דאס איז שוין איבערגעטריבן, אזוי ווי זי גייט דאס איז די ריכטיגע וועג, לא פחות ולא יותר.

אסאך זענען שולדיג די סוחרים וואס פארקויפן די סחורה, אויסער דעם וואס זיי זענען עובר אויף לפני עור ומסייע, האבן זיי אריינגעברענגט צוביסלעך די היינטיגע מצב אז מען מוז אזוי גיין, אז עס קומט אמאל אריין א כלה וואס וויל גיין מיט א סינטעטישע שייטל, רעדן זיי איין כל מיני שטותים פאר זייערע פאר דאללער, די ווילסט גיין אזוי די וועסט דאך אויסזען ווי א טשאלענט, די ווילסט זיין פרומער פון דער רעבעצין און יענער רעבעצין, אזוי מאכן זיי משוגע דעם עולם, כאטשיג דאס אלעם איז נישט קיין תירוץ אזוי צו גיין, און עס איז א נארישער באגריף ווייל יענער האט נישט וואס אריינצוזאגן אין זיין זאך, און אויך וואס אנדערע וועלן קוקן אויף איר איז נישט קיין תירוץ, אבער עס איז דאך אזוי די טבע פון נשים, – וואס איז שלעכט געווען צען פופצן יאר צוריק וואס מען איז כמעט נאר געגאנגען מיט סינטעטיש, די באבעס וואס האבן געהאט שייטלען וואלטן זיך געווינטשט צו האבין אזא שייטל ווי די היינטיגע סינטעטישע וואס איז לא מן העולם הזה....

עס האט מיר דערציילט א יוד א בנש"ק וואס מיט אים איז געווען די מעשה, נאך די מלחמה איז געווען שווער דער ענין, עס איז געווען שווער צו טרעפן א פרוי וואס זאל גיין איינגאנצן אהן א שייטל, אבער זיינע אבות פלעגן שטארק מקפיד זיין אז מען זאל נישט גיין מיט א שייטל, און ער האט נעדארפט א שידוך טון מיט זיין זוהן עס איז געווען שווער ביז ער האט געטראפען איין עהרליך יודיש טאכטער וואס האט מסכים געווען זיך

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

צוצודעקן, אבער די משפחה איז געווען א פשוטע בעל בתיש'ער משפחה אהנע יחוס, האט ער מחליט געווען ער וועט פרעגן דעם בעלזער רב ז"ל וואס כידוע האט ער געהאלטן אז א יחסן זאל זיך נאר משדך זיין מיט א יחסן, און אויך איז מען אין בעלזא געווען קעגן שייטלען, (עס איז דא אסאך שארפע דרשות פון די בעלזער רבי'ס וועגן שייטלען), איז ער אריינגעקומען צום רב און האט אים פארגעלייגט די שאלה צו ער זאל טון די שידוך, איז געווארן אביסל נתרגש און האט אזוי געדרייט מיט די הענט אין גארטל (אזוי פלעגט ער צו טוען ווען ער פלעגט נתרגש ווערן), און האט זיך געגעבן א שטעל אויף און איבער געזאגט דריי מאל: אזוי, "מען איז גרייט צוצודעקן דעם קאפ, דאס איז ביי מיר די גרעסטע יחום", און ער האט טאקע געטאן די שידוך, עכ"פ זעען מיר פון דעם אז די גרעסטע יחום איז זיך צופירען אזוי ווי די אבות האבן זיך געפירט, עס זענען פארהאנען מענטשן וואס שטאלצירן אז זיי זענען אייניקלעך פונעם צאנזער רב זי"ע, פונעם הפלאה זי"ע, פונעם חתם סופר זי"ע וכיוצא בהם, מיט וואס זענען זיי אייניקלעך, מיט וואס קערט ער זיך אן מיטן זיידען, מיטן עובר זיין אויף זיינע איסורים און נישט גיין אנגעטאן ווי דער זיידע האט פארלאנגט, אוודאי לא מיני' ולא מקצתו, איינער וואס הארכט דעם צאנזער רב אדער דעם חתם סופר דער קערט זיך אן מיט אים אסאך מער ווי אזעלכע אייניקלעך.

גוטע קינדער ווערט דערמאנט אין זייער אסאך פלעצער אין חז"ל אז עס האט אסאך צו טאן מיט די צניעות פון די מוטער, איז על כל פנים קען מען בכל אופן נישט דערלייגן מיטן זיך אנטאן בצניעות, און יעדעמס באגער איז דאך צו האבן גוטע קינדער און ערליכע דורות, על כן כל מי שיראת ד' נוגע בלבבו ויחום על נפשות בניו ובני ביתו זאל זיך דערוויטערן פון דעם, און טון צוויי זאכען, טאמער טוט מען איינגאנצן אוים די שייטל לית טב מיניה, אבער אז נישט זאל מען כאטש נאר גיין מיט א הונדערט פראצענטיגע סינטעטישע און זיין א בוחר הרע במיעוטו, וואס דאס איז נישט אזא גרויסע נסיון צו פועל'ן, און די אנדערע זאך איז צו צודעקן דעם שייטל מיט א טיכל

אדער על כל פנים א הוט אדער סיי וואס אז עס זאל זיך כאטש דערקענען אז דאס איז א בת ישראל א נשואה, אזוי ווי מיר האבן שוין כמה פעמים געזאגט אז ביי א מאן קען מען בדרך כלל דערקענען אז דאס איז א יוד ער גייט מיט פיאות און בארד און א רעקל, אבער לײדער אויף די נשים קען מען אסאך מאל נישט דערקענען צו זי איז א יודיש קינד אדער ח"ו נישט, און מען זעט שוין אין די גמרא כתובות אז אפילו ביי אייגענע האר איז א חילוק אויב מען גייט אינגאנצן אויפגעדעקט די אייגענע האר האט זי א דין ווי א עוברת על דת משה און מען מוז איר גט'ן און נישט געבן די כתובה, און אויב זי גייט כאטש אביסל צוגעדעקט איז שוין נישט אזוי הארב זי איז נאר א עוברת על דת יהודית, וואס איז נתקבל געווארן אלס מנהג שנהגו בנות ישראל, (מען דארף איר נאך אלס גט'ן אבער עס איז נישט אזוי הארב) על כל פנים דאס איז אפילו ביי אייגענע האר, כל שכן ביי די ס׳גטעטישע שייטלען מאכט א גרויסער חילוק אויב מען גייט טיילווייז צוגעדעקט, און אויך איז דאס שטארק מסוגל פאר די קינדער, אויב די קינדער זעען אז די מאמע גייט צוגעדעקט מאכט דאס א רושם דקדושה אויף די קינדער צו זיין באשיידן.

אסאך מענער האבן מורא צו זאגן ווען שלום בית, ער וויל איהר נישט צוברעכן וכדומה, איז די שאלה צו ביי אנדערע זאכן לאזט ער אויך לויפן ווען עס קומט צו גשמיות, לאמיר זען אויב זי וועט צוברענען יעדן טאג די עסן און קאכן זאכען וואס איז נישט לויט זיין געשמאק און דאס גלייכען, וואלט ער דעמאלס אויך געלאזט לויפן, וואלט ער דעמאלס זיך נישט געלאזט הערן וואס פארא מאכלים ער האט יא ליב און וואס נישט, כל שכן ביי רוחניות לא תהא כהנת כפונדקית, על כל פנים די צוויי זאכן איז מען מחוייב צו בעטן אין שטוב, און עס איז נישט אזוי שווער צו פועלן, זעלבסטפארשטענדליך אז מען דארף עס זאגן בניחותא כי היכי דלקבלינהו מיניה און עס מיינען ערנסט, ער דארף האלטן דערביי און אז מען האלט דערביי העלפט דער אויבערשטער, דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב.

און דאס איז פשט אין די משנה ר' ינאי אומר אין בידינו לא משלות הרשעים – ווייל מיר קענען דאך ממילא נישט גיין ווי די רשעים, ווייל אויב יא וואלט זי דאך געקענט גיין ממש מיט די אייגענע האר, עס איז אסאך מער באקוועם און בעסער און פראקטישער, מען דארף נישט אזוי אכטונג געבן דערויף עס קאסט נישט קיין געלט, אבער אין בידינו משלות הרשעים, און מען מוטשעט זיך כדי נישט צו גיין מיט אייגענע האר, זאל עס כאטשיג זיין מיסורי הצדיקים, זעה כאטש זאלסט גיין ווי עס דארף צו זיין, און זאלסט נישט נאך ירש'ענען גיהנום אויף וויאזוי די ביסט געגאנגען מיטן שייטל....

מיר שטייען יעצט פאר ל"ג בעומר מען דארף וויסן ווי מען שטייט, און מיט וואס מען קערט זיך אן מיט ר' שמעון'ען, וואס פארא שייכות האמיר אונז מיט אים, זעלבסטפארשטענדליך אז דאס גיין צו זיין ציון און מאכן הדלקות און געבן ח"י רוטל משקה איז נאך נישט דער עיקר מכוון פון ל"ג בעומר, דיא זאכען זענען זייער גיט איך מאך עס נישט אוועק, אבער דאס איז נאר זייער א קליינער שראפל אינעם פרייען זיך מיט ר' שמעון, דער עיקר איז צו לערנען תורת ר' שמעון און זיך פידן וויאזוי ער האט געהייסן דאס איז דער עיקר.

דער טאטע ז"ל האט דערציילט, ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל מיט'ן שאמלויער זיידן ז"ל אין שנת תרצ"ה, איז דער זיידע מיט גרוים טירחא ארויפגעגאנגען צום ציון פון רבי עקיבא, האט זיין באגלייטער דערציילט פאר אים אז דער גור'ער רבי דעו אמרי אמת ז"ל האט אויך געוואלט ארויפגיין צום ציון פון רבי עקיבא און ער האט אנגעהויבן ארויפצוקריכן דעם בארג, עס איז געווען צו שווער ביז אינמיטן די בארג האט זיך דער גורער רבי אפגעשטעלט באפיסת הכוחות און געזאגט איך האב מער נישט קיין כח צו גיין און זיי זענען צוריק אראפגעגאנגען, האט ער זיך אנגעדופן ער וועט אהיימגיין צו זיך אינדערהיים און ער וועט ארויסנעמען די

# התעוררות בענין לבישת פאה נכרית

גמרא וועט ער לייכטער אנקומען צו רבי עקיבא, על כל פנים וועט מיר אז דורך לערנען די תורה פונעם צדיק איז א בחינה פון השתטחות בציונו.

השי"ת זאל העלפן אז מיר זאלן קענען גיין בדרכי התורה ווי עס דארף צו זיין און זוכה זיין צו גוטע און עדליכע קינדער, און זיי מגדל זיין בדרך ד' ותורתו הקדושה שהכל יכירום כי זרע ברך ד' המה, ושלא נבוש ולא נכלם מאבותינו די עלטערן זאלען זיך נישט דארפן שעמען מיט אונז אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און יעדער זאל געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס ער דארף בבני חיי ומזוני רויחי, און מיר זאלן זעהן בישועתן של ישראל ובשמחתן בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

נתפרסם לעילוי נשמת

**הרה"ג אשר אנשיל ב"ר חיים צבי ז"ל**

**(ברוין)**

נלב"ע י"ז טבת שנת תשס"ד לפ"ק

ת.נ.צ.ב.ה.